STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02276

UNTERN YOKH FUN DI FASHISTISHE FARKHAPER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונטערן יאָך
פון די פאשיסטישע
פארכאפער

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס״ מאָסקווע 1941

דער האס צו די דײַטשישע אָקופּאנטנ האָט קײנ ברעג ניט

א בריוו פונ ווארשע

די האלב=כאָרעווע ווארשע. ריזיקע טראנספּאָרטנ סאָלדאטנ, אווטאָמאָבילנ, הארמאטנ. עס פליִענ נידעריק אעראָפּלאנענ. איבער דער שטאָט קריכנ ארום כלאנגענ. אָנ אויפהער שטראָמט מיליטער, טאָג אונ נאכט, אריבערנ ווײַסל, אפנ מיזרעכ אונ אפ דאָרעמ, אפ מאלקיניע אונ פּערעמישל. עס ליארעמענ די טאנקענ, עס גײט דורכ מאָטאָריזירטע ארטילעריע דורכ די בריקנ אונ גאסנ, וואָס זײַנענ פרײַ נאָר פאר דער באוועגונג פונ מיליטער. קײנער צווײפלט שוינ ניט: דאָס קלײַבנ זיכ די היטלערישע באנדיטנ אָנפאלנ אפנ ראטנפארבאנד.

די פאשיסטישע „אוקראִנער אונ ווײַסרוסנ", וואָס די היטלעראָווצעס האָבנ אויסגעבאהאלטנ, בארימענ זיכ, אז די דײַטשנ וועלנ „פארכאפּנ אוקראִנע". „מיר וועלנ דאָרט שאפנ מוסטערהאפטע גוטאָס", — כוועקנ די פרעכע פאשיסטישע אָפיצערנ, וואָס פארנעמענ זיכ מיט רויב אונ ספּעקוליאציע.

מע זעצט ארויס די באפעלקערונג פונ גאנצע דערפער. מע בויט קאזארמעס, אעראָדראָמענ, פלעצער פאר זעניט=הארמאטנ. א העלפט דאטשעס אונטער ווארשע איז פארנומענ פונ מיליטער. אינ שטאָט ווערנ פונ פריוואטע דירעס ארויסגעזעצט די אײַנוווינער, אונ מע זעצט אהינ ארײַנ מיליטער.

פוילנ איז רויִנירט אונ צערויבט. דאָס גאנצע רוישטאָפ, אלע פּראָדוציר=געצײַג געפינט זיכ אפנ דיסקאָנט אינ די אנטשפּרעכיקע דײַטשישע אנשטאלטנ. עס ארבעטנ בלויז יענע אונטערנעמונגענ, וואָס אָדער זײ באדינענ די ארמײ, אָדער זײ ארבעטנ אויס „ערזאצנ", — סוראָגאטנ פונ פארשײדענע נײטיקסטע זאכנ פונ מאסנ=געברויכ. אינ לאנד איז א גוואלדיקע ארבעטלאָזיקײַט, באזונדערס צווישנ דער אינטעליגענצ. לערער, זשורנאליסטנ, אקטיאָרנ, אינזשעניערנ, קוואליפיצירטע ארבעטער נעמענ זיכ אונטער צו טאָנ יעטווידע ארבעט — פונ אָפּראמענ כאָרעוו געוואָרענע געבײַדעס, ביז שטײנ מיט א שטעלכל אונ האנדלענ מיט א וועלכער=ניט=איז קלײניקײַט. די מערהײַט אָבער האָט ניט קײנ שום באשעפטיקונג אונ קײנ שום פארדינסט. אויסגעצײכנטע קוואליפיצירטע ארבעטער אונ ארבעטערנס זײַנענ דעקלאסירט, דעמאָראליזירט. אינ געיענ נאָכ א שטיקל ברויט זײַנענ די אויסגעהונגערטע, אָפּגעלאָזענע מענטשנ גרײט אפ אלצ. עס וואקסט די צאָל פארברעכנס, עס וואקסט די פּראָסטיטוציע.

לאָזט זיכ רעדנ באַשרײַבנ דער דאַלעס, וואָס הערשט איצט אינ פּוילנ! די ווייניקע, וואָס עס האָט זיי „געשפּילט דער מאַזל" אונ זיי האָבנ געקראָגנ אַרבעט, אַרבעטנ צו 10—12 שאָ א טאָג אונ פאַרדינענ פונ 6 ביז 12—15 זלאָטעס פּאַרנ טאָג. דער דאָזיקער פאַרדינסט סטײַעט קוימ אַפּ ניט אויסצוציִענ די פיס. פּוטער, פעטס, פלייש — דאָס זײַנענ לוקסוס-זאַכנ, וועלכע זײַנענ אַבסאָליוט ניט צוטריטלעכ פאַר די אַרבעטנדיקע. די לעצטע צײַט איז אַפּילע קאַרטאָפּל אויכ געוואָרנ א לוקסוס-זאַכ. וועגנ טיי אונ קאַווע האָט שוינ די באַפעלקערונג בכלל פאַרגעסנ אונ שוינ א לאַנגע צײַט, ווי מע קומט אויס מיט געטריקנטע מערנ אונ גערשטנ.

אַלע פּראָדוקטנ דאַרפ מענ קויפנ אַפּנ מאַרק אַפּ מעשוגענערווײַזע פּרײַזנ. קיינ צופיר פונ פּראָדוקטנ איז ניטאָ. בלויז אייניקע ספּעקוליאַנטנ גיט זיכ אײַנ אויסצובאַהאַלטנ פונ דער שטרענגער דײַטשישער וואַכ, וואָס פּאַטרולירט ספּעציעל אַפּ די וועגנ, אונ ברענגענ צו פירנ קיינ וואַרשע א ביסל פלייש אָדער גרויפּנ.

אינ פּוילישנ דאָרפ טוט זיכ אומגליק. די דײַטשישע אָקופּאַציע זויגט אַרויס פונעמ דאָרפ אַלע זאַפטנ. אַריבערצופאָרנ פונ איינ אָרט אַפנ אַנדערנ איז אַפ דער טעריטאָריע פונעמ גענעראַל-גובערנאַטאָרטומ פאַרווערט. עס פאָדערט זיכ א ספּעציעלע דערלויבעניש פונ דער פּאָליציי. די פּויערימ גיט מענ אָבער אַזעלכע דערלויבענישנ ניט אַרויס. דעריבער טאַקע קאָנענ זיי ניט פירנ קיינ פּראָדוקטנ אינ שטאָט צומ פאַרקויפנ. די פּראָדוקטנ נעמענ בא זיי אָפּ אַפנ אָרט די מיליטער-טיילנ קימאַט אומזיסט. דער דרוק פונ דער אָקופּאַציע פאַלט מיט זײַנ גאַנצער לאַסט אַפנ פּויער. אַפּ זײַנע אַקסלענ פאַלנ אַלע שטײַערנ, אַלע ציִנזנ, אַלע איזדעקענישנ. דאָס פּויערטומ איז רויִנירט, דער פּויער שמאַכט אונ קומט אומ. קיינ יוגנט איז אינ די דערפער קימאַט ניטאָ— די גאַנצע יוגנט אָדער זי זיצט אינ די לאַגערנ פאַר קריגסגעפאַנגענע, אָדער זי איז פאַרשיקט אַפּ שווערער אַרבעט קיינ דײַטשלאַנד.

גרויס זײַנענ די ליידנ פונעמ פּוילישנ פאָלק אונטערנ דרוק פונ די פאַשיסטישע באַרבאַרנ. ס'איז אָבער אַלץ גאָרנישט אַקעגנ די צאָרעס, וואָס עס האָט אויסצושטיינ מיטנ אָנקומ פונ די היטלעראָווצעס די יִדישע באַפעלקערונג פונ פּוילנ. ס'איז שרעקלעכ צוצוגיינ צו די וואַרשעווער קוואַרטאַלנ, ווו עס געפינט זיכ די יִדישע געטאָ.

נאָכ פאַראַיאָרנ ווינטער האָט מענ אַפּ א רײַ גאַסנ פונ וואַרשע גענומענ

בויענ מויער=ווענט, וואָס זײַנענ פונ אויבנ באַשאָטנ מיט געשטויסענעם גלאָז. אַפ אַזאַ אויפנ איז איזאָלירט געוואָרנ אַ גאַנצער ראַיאָנ, וואָס באַשטייט פונ עטלעכע צענדליק גאַסנ מיט האַלב=כאָרעווע הײַזער. דערנאָכ, אינ נאָיאַבער 1940 יאָר, איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יִדנ (ביזנ דריטנ דאָר, — דאָס הייסט אויב אינ דער מישפּאָכע איז כאָטש איינער — אָדער דער מאַנ אָדער דאָס ווײַב געווענ יִדישע) דאַרפנ זיכ אַריבערציִענ אינ דעם דאָזיקנ ראַיאָנ. די פּאָליאַקנ האָט מענ פונ דאָרט אַרויסגעזעצט אונ אַרײַנגעזעצט אינ די דירעס, וואָס זײַנענ באַפרײַט געוואָרנ פונ די יִדנ אינ אַנדערע טיילנ שטאָט. באַם אַריבערזעצנ האָט מענ באַ די יִדישע אײַנוווינער צעראַבירט דאָס גאַנצע פאַרמעגנ זייערס. דאָס אַריבערזעצנ האָט געדויערט אַ כוידעש צײַט. דאָס איז געווענ אַ טראַגיש בילד. די פאַשיסטישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבנ אָפּגענומענ באַ די יִדנ אַלצ ביזנ לעצטנ העמד אונ האָבנ אַרויסגעיאָגט האַלב=אויסגעטאָנענע מענטשנ אָפנ פראָסט.

פונ די אַרומיקע שטעטלעכ האָט מענ צונויפגעקליבנ אַלע יִדנ, וואָס זײַנענ גאַנצ געבליבנ נאָכ דער דאָזיקער עקזעקוציִע, אונ מע האָט זיי באַזעצט אינ דעם זעלבנ ראַיאָנ פונ וואַרשע, וועלכנ מע האָט איידל אָנגערופנ „דער יִדישער קוואַרטאַל“. איצט וואַלגערנ זיכ אינ די האַלב=כאָרעווע גאַסנ אונ אינ די כורוועס פונ דער געטאָ באַ 600 טויזנט מאַנ.

די דײַטשנ סאַבאָטירנ דאָס צושטעלנ פּראָדוקטנ אינ געטאָ. קאַרטאָפל אונ מעל פאַרשווינדט, נאָכ איידער עס קומט אָנ צו דער באַפעלקערונג פונעם יִדישנ קוואַרטאַל. ברויט ווערט אַרויסגעגעבנ אַ פענעצ איינ מאָל אינ צוויי וואָכנ. די מענטשנ הונגערנ. זיי לעבנ אינ שוידערלעכער אָרעמקײַט, אינ שמוציקע האַלב=כאָרעווע הײַזער מיט אויסגעשלאָגענע שויבנ, אָנ וואַסערלייטונג, אָנ קאַנאַליזאַציִע. קיינ זייפ איז ניטאָ — די יִדנ באַקומענ איבערהויפּט קיינ זייפ ניט. ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו וואַשנ קיינ גרעט, ס'איז ניטאָ קיינ וועש. אינ די שערערײַענ שערט מענ ניט אונ מע גאָלט ניט קיינ יִדנ. שוכוואַרג אונ קליידער איז ניטאָ ווו צו קריגנ. די יִדישע מאַסע האָט אַ שוידערלעכנ אויסזענ — אָפּגעריסענע, שמוציקע, האַלב=דולע מענטשנ, הונגעריקע, אונ ביז לעצט אומגליקלעכע.

די צאָל טויט=פאַלנ אינ געטאָ איז זייער גרויס. מענטשנ שטאַרבנ פּאָשעט

פונ הונגער, ניט נאָר פונ קראנקײטנ. מע שטארבט אינמיטנ גאס אָדער ארומ די טויערנ.

אינ געטאָ געפינט זיך די הויפט=טורמע פונ דער געסטאפּאָ — דער באַרימטער „פּאוויאק“. מע ברענגט אהינ צו פירנ ארעסטירטע. די דײַטשישע זשאנדארנ, וואָס זײַנענ אָנגעטאָנ אינ א ספּעציעלער אוניפאָרמ, שפּרינגענ ארויס אינ וועג פונ די אווטאָמאָבילנ אונ שלאָגנ די פארבײַגייער. יעדעס מאָל, וואָס אפ די גאסנ פונ געטאָ באווײַזט זיך אנ אווטאָמאָביל פונ געסטאפּאָ, בלײַבנ איבער אפנ ברוק עטלעכע טויטע מענטשנ, צווישנ זײ — אפילע קינדער.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלנ די איבערלעבונגענ פונ די הונגעריקע, אָפּגעריסענע, פארפּײַניקטע מענטשנ, וואָס לעבנ הינטער די שטעכיקע דראָטנ פונ דער געטאָ.

די קינדער אונ די יוגנט לערנענ זיך ניט. אינ געטאָ זײַנענ ניטאָ קײנ שולנ, אונ עס איז ניטאָ קײנ געלט אפ צו צאָלנ די לערער. עס וואקסט אונטער א דאָר „איבעריקע מענטשנ“. זײ קענענ גאָרנישט ניט, אונ זײ האָבנ נישט קײנ מעגלעכקײט עפּעס=וואָס אויסצולערנענ זיך. די באדינגונגענ זײַנענ אזוינע, אז זײ קאָנענ נאָר דעמאָראליזירנ די ייִדנ. דאָס איז אזא טראגעדיע, וואָס עטוואָס שווערערס דערפונ איז ניט מעגלעך פאָרצושטעלנ זיך.

קינדער ייִנגער פונ 12 יאָר זײַנענ ניט מעכויעװ צו טראָגנ ספּעציעל דאָס ייִדישע בענדל אפנ ארבל, דעריבער סטארענ זײ זיך ארויסצורײַסנ זיך פונ געטאָ אינ פּוילישנ קווארטאל נאָך קארטאָפל. בא די טויערנ פונ געטאָ קלײַבנ זיך אופ הונדערטער אָפּגעריסענע ייִנגלעך מיט זעקלעך קארטאָפל, וואָס ווארטנ די מינוט, אז די וואך זאָל אָפּגײנ אָנ א זײַט אונ מע זאָל קאָנענ דורכשפּרינגענ צוריק אינ געטאָ ארײַנ מיט דער ווערטפולער מאסע. צומײנסטנ פאקטמענ זײ, די ייִנגלעך, מע שלאָגט זײ אומראכמאָנעסדיק מיט גומענע שטעקנס אונ מע נעמט בא זײ דעמ קארטאָפל אָפּ. נאָך דעמ פארקויפט מענ דעמ זעלבנ קארטאָפל אפ ספּעקוליאטיווע פרײַזנ טאקע גופע אינ דער געטאָ.

די באפעלקערונג פונ פּוילנ האָט פּײַנט טאכלעס=סינע די דײַטשישע אָקופּאנטנ. ס'איז שווער צו געפינענ די ווערטער אפ צו באשרײַבנ, ווי טיף עס איז די דאָזיקע פײַנטשאפט.

די מענטשנ סטארענ זיך מיט אלע קויכעס צו סאבאָטירנ די פאראָרדענונגענ פונ דער מאכט אונ אָנטאָנ שאָדנ, ווו נאָר עס איז מעגלעך. די פּוילישע בא=

פעלקערונג און די דײַטשישע אָקופּאַנטן — דאָס זײַנען אין עצעם צוויי מילכאָמע=האַלטנדיקע צדאָדים.

די היטלערישע באַרבאַרן האָבן פאַרמאַכט די פּוילישע שולן. זיי האָבן פאַרמאַכט די מערהײַט ביבליאָטעקן, קאָנפיסקירט אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער ליטעראַטור. ס'איז פאַרווערט אַרויסצוגעבן פּוילישע ביכער, אַכוץ ספּעציעלע אַגיטאַציע=בלעטלעך. אין קינאָ ווערן דעמאָנסטרירט פאַסקודנע פּאַשיסטישע פילמען אויף דער דײַטשישער שפּראַך. אין וואַרשע פונקציאָנירט איין=און=איינציקער טעאַטער, וווּ מע שטעלט עפּעס אַ פאַרדריפּעטע אָפּערעטקע. די מערהײַט אַרטיסטן, רעזשיסערן און מוזיקאַנטן איז אַנטלאָפן פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. אייניקע איבערגעבליבענע אָנגעזעענע אַקטיאָרן, ווי לעאָן שילער אָדער סטעפאַן יאַראַכ, זײַנען אַרעסטירט געוואָרן און מע האָט זיי אַרויסגעשיקט, ווי מע זאָגט „פאַר סימפּאַטיע צו פּססר". אויף דער בינע זײַנען פאַרבליבן שלימאַזלדיקע אַקטיאָרשטשיקעס, וואָס אַרבעטן פאַרן שטיקל ברויט, מאַכמעס ס'איז ניטאָ וווּ זיך אַהינצוטאָן, אָדער אַזוינע, וואָס האָבן זיך פאַרדונגען באַם דײַטשישן פּראָפּאַגאַנדע=אָפּטייל. אין וואַרשע דערשײַנט איין=איינציקע צײַטונג, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די דײַטשישע מאַכט=אָרגאַנען, — „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי". דאָס איז אַ פאַסקודנע בלעטל, וואָס איזדעקעוועט זיך איבערן פּוילישן פאָלק. דרוקן דרוקט דאָס דאָזיקע בלעטל דעריקער שמוציקע הייראַט=אַנאָנסן. אַגעוו, די דײַטשישע מאַכט סטאַרעט זיך איבערהויפּט ניט אָפּצוהיטן זיטלעכע ריינקײַט. זי האָט אָרגאַניזירט אַ ברייטע נעץ שאַנד=הײַזער און אין די טעלעפאָן=ביכער ווערן אָפן געגעבן די טעלעפאָן=נומערן פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן.

פאַר פאַרשפּרייטן אַנטידײַטשישע פלוגבלעטלעך אָדער צײַטונגען שיסן די פּאַשיסטישע באַנדיטן אויף אַן אָרט. אָבער קיין שום עקזעקוציעס, קיין שום מוראָ קאָן ניט דערשטיקן די אַנטידײַטשישע שטימונגען און אַרויסטרעטונגען. אין וואַרשע דערשײַנען איצט 32 אומלעגאַלע אַנטידײַטשישע צײַטונגען. זיי ווערן געדרוקט אין דרוקערײַען אין פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן. די דאָזיקע צײַטונגען ווערן פאַרשפּרייט מיט אַ וווּנדערלעכער שנעלקײַט. די אויפנאַמע פון פאַרשפּרייטן זײַנען אָפטמאָל גאַנץ ראָמאַנטישע. עס טרעפט, אַז מע געפינט פלוצלינג אַזאַ צײַטונג בײַ זיך אין קעשענע, אין שרײַבטיש אָדער אויפן שטעלכל פון אַ קליידל. ווי קומט זי אַהער — ווייסט קיינער ניט. ס'איז כאַ=

ראַקטעריסטיש, אַז די אומלעגאַלע צײַטונגען טײלן מיט רעגולער זײערע לײע־נער די נײַסן, װאָס מע כאַפּט איבער פון דער ענגלישער אָדער סאָװעטישער ראַדיאָ, ניט געקוקט דערויף, װאָס די פּאָליאַקן איז פאַרװערט צו הערן אויס־לענדישע ראַדיאָ און אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זײַנען קאָנפיסקירט געװאָרן נאָך אין נאָיאַבער 1939 יאָר.

דער אײַנפלוס, װאָס די דאָזיקע צײַטונגען האָבן, איז אַ װוּנדערבאַרע. זײ גיבן צו דערפילן די אָנמעכטיקײַט פון די דײַטשישע אָקופּאַנטן מיט דער גאַנצער מעכטיקער קריגס־מאַשין זײערער, זײער אָנמעכטיקײַט פאַר די אַנט־פּלעקונגען פונעם פאָלקס־האַס.

די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט איז זײער שטאַרק צװישן אַלע שיכטן פון דער פּױלישער באַפעלקערונג. אָבער העכער פון דעם איז דער האַס צו די דײַטשישע פאַשיסטן, צו דער היטלערישער אָקופּאַציע. די מענטשן פאַרטראַכטן זיך אַפילע ניט איבער דער קומענדיקער מעלוכע־אָרדענונג. מע טרוימט נאָר װעגן אײנס — װעגן אַ מאַפּאָלע פונעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, װעגן פאַרניכטן דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד, װעגן אויסברענען די ברוינע פּעסט, װאָס טראָגט דער מענטשהײַט נויט און שקלאַפערײַ. די פײַנטשאַפט צו דער היטלער־מאַכט האָט קײן ברעג ניט. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, װי אומראַכ־מאָנעסדיק מע װעט זיך מיט די פאַשיסטן צערעכענען, װען עס װעט סאָף־קאָלסאָפּ שלאָגן די לאַנג־דערװאַרטע שאָ פון באַפרײַונג. און די שאָ װעט שלאָגן. די באַפעלקערונג פון פּױלן װײסט דאָס און װאַרט אױף דעם.

טאַדעוש קרושעװסקי

מאַרט 1941 י., װאַרשע.
איבערגעשיקט דורך די פאַרײניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.
„פּראַװדאַ“, 27 יונ 1941 י.

פּאַריזש אונטערן שטיװל פון די פאַשיסטן

אין אָט די שטרענגע און האַרבע טעג דערמאָנט איך זיך דעם אױסגע־צײכנטן, פרײַהײַט־ליבנדיקן פּאַריזש. עס האָבן אים פאַראַטן די מיטהעלפער פון די דײַטשישע פאַשיסטן. דער מיליטערישער גובערנאַטאָר דער גענעראַל דענץ האָט ניט בלויז דערקלערט פּאַריזש פאַר אַן „אָפענער שטאָט“, נאָר ער

האָט באַפוילנ צו שיסנ אַפ אַלע, ווער עס וועט וועלנ פאַרטיידיקנ די הויפטשטאָט. די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט פּאַריז. זקיינים האָבנ זיכ אַוועקגעלאָזט צופוס, טײַנענדיק: „מיר ווילנ ניט לעבנ אונטער זיי"... די דײַטשישע פאַשיסטנ זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אינ אַ פוסטער שטאָט. זיי האָבנ מיט פאַרווּנדערונג געפרעגט: „ס'איז אַנ עמעס, אַז דאָס איז פּאַריז?.." אַפנ פּאַראַד, וואָס זיי האָבנ אײַנגעאָרדנט, זײַנענ בײַגעווענ פּערציק—פופציק פּראָסטיטוטקעס. די קינאָ-אָפּעראַטאָרנ האָבנ זיי אַפּגיכ פאָטאָגראַפירט אונ דערנאָכ דעמאָנסטרירט, אַלס די „באַפעלקערונג פונ פּאַריז". אינ שטאָט זײַנענ געבליבנ שטעקנ בלויז עטלעכע טויזנט אומגליקלעכע מענטשנ, קראַנקע, אינוואַלידנ, פרויענ מיט קינדער. זיי זײַנענ געזעסנ אינ די הײַזער בא פאַרמאַכטע לאָדנס. איכ האָב געזענ, ווי די פאַשיסטנ האָבנ געשפּאַנט איבער די פוסטע גאַסנ. אַפ איינעמ אַנ אָרט איז געשטאַנענ אַ מוטער מיט אַ קליינ קינד. זי האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט איר ייִנגעלע די אויגנ אונ האָט זיכ צו מיר געווענדט: „זײַנע אויגנ זאָלנ גאָר דאָס ניט זענ..." אַנ אַלטיטשקע האָט אַרויסגעקוקט פונ אונטערנ טויער; אַ דײַטשישער אָפיצער האָט זי געוואָלט אָפּפאָטאָגראַפירנ; האָט זי זיכ פאַרשטעלט דאָס פּאָנעמ אונ אויסגעשר:ענ: „בעסער דערהאַרגע!.."

אינ אַ וואָכ אַרומ האָבנ די דײַטשנ גענומענ צונויפטרײַבנ די פּלייטימ פונ די וועגנ. זיי האָבנ אומגעקערט צוריק אַ פערטכיילעק פונ דער באַפעלקערונג. מענטשנ האָבנ זיכ צוריקגעקערט אינ זייער אייגענער שטאָט אַזוי ווי אינ אַ טפיסע. די גאַסנ זײַנענ ווי פר:ער געווענ פוסט. פּאַריז האָט זיכ דערוווּסט, וואָס איז אַזוינס דער שטיוול פונ די דײַטשישע פאַשיסטנ.

אַ רעסטאָראַנ. עס קומט אַרײַנ אַ דײַטשישער אָפיצער. אַ יונגינקע אָפּיצ:אַנטקע טוט אויס דעמ פאַרטעכ אונ זאָגט: „איכ וועל זיי ניט באַדינענ", אונ גייט אַוועק. אינ מעטראָ. אַ קאָנטראָליאָר קאָנטראָלירט די בילעטנ. עס גייענ צו פאַשיסטנ, זיי האָבנ, פאַרשטייט זיכ, זיכ ניט מאַטר:עכ געווענ צו קויפנ אַ בילעט. דער קאָנטראָליאָר גייט אַוועק: „איכ וויל אַפ זיי ניט אַרבעטנ!.."

די אינטערווענטנ האָבנ אָפּגעדרוקט „אָקופּאַציע-מאַרקעס" אונ האָבנ פאַרטיילט דאָס פאַלשע געלט זייערע אָפיצערנ אונ סאָלדאַטנ, אונ מע האָט גענומענ „קויפנ". די דענשטשיקעס טראָגנ אַרויס גאַנצענע פעק אונ קאַסטנס. ווענ איכ בינ אָפּגעפאָרנ פונ פּאַריז, האָב איכ געזענ באַגאַזש-וואַגאָנעס פונ אַ

מיליטער=צוג, וואָס איז געגאנגענ אפ בערלינ. די וואגאָנעס זײַנענ געווענ אָנגעשטאָפּט מיט אָנגערויבטע גוטס. די פאשיסטנ נעמענ צו אלצ — פונ אייער ביז הענטלעכ פונ טירנ, פונ זייפ ביז מוזיי=בילדער. די מאגאזינענ, וואָס זײַנענ געווענ צוגעשלאָסנ, האָבנ זיי אויפגעבראָכנ.

א קליינ גאסטראָנאָמיש קלייטל. עס קומט ארײַנ א פעלדפעבעל אונ צעשרײַט זיכ: „ווו איז קאווע?“ די באלעבאָסטע ענטפערט: „קיינ קאווע איז מער ניטאָ“. איכ זעצ איבער. דער דײַטש איז מאָלע קאס: „אייערנעכטנ איז געווענ. ווו האָסטו אויסבאהאלטנ?“ איכ זעצ איבער: „די קאווע איז איצט אינ דײַטשלאנד, זאָל דער הער פעלדפעבעל צופאָרנ נאָכ קאווע קיינ בערלינ“. אונ די באלעבאָסטע זאָגט מיר: „מע וועט ארעסטירנ? מע וועט דערהארגענענ? נו, מײַלע, אונטער זייער יאָכ איז דאָס לעבנ סײַווי קיינ לעבנ ניט...“

די דײַטשישע פאשיסטנ האָבנ באקומענ צו צוויי הונדערט פופציק גראמ אָנגערויבטע פוטער א טאָג. אונ די באפעלקערונג איז פארורטיילט אפ הונגער: זי האָט באקומענ 50 גראמ ברויט אפנ טאָג אונ 40 גראמ פלייש אפ דער וואָכ. די דייטשישע אָפיצערנ האָבנ געפרעסנ אינ די רעסטאָראנענ צו א גאנצער הונ אפ איינ מענטשנ, א פײַנקוכנ פונ 10 אייער אונ מיט א כויזעקגעלעכטער געקוקט אפ די הונגעריקע פאריזשאנער, וואָס זײַנענ געשטאנענ אינ די רייענ מיט דער האָפענונג צו באקומענ אנ אכטל ברויט.

די פאשיסטנ דערנידעריקנ די שטאָלצע שטאָט. זיי מארשירנ איבערנ קאָנקאָרד=פלאצ, איבער אָט דעמ זעלטנ שיינעמ פלאצ, וועגנ וועלכנ מאיאקאָווסקי האָט געשריבנ: „דער דאָזיקער פלאצ וואָלט געפאסט פאר יעטווידער שטאָט“, אונ זיי זינגענ: „די פראנצויזנ זײַנענ ווילדע שווײַנענ, אונ מיר וועלנ זיי שעכטנ! אונ מיר וועלנ זיי שעכטנ! מיר ווייסנ ווי צו וויאָנדזלענ א כאזערשטיק...“ זיי האָבנ דעמאָנסטרירט אינ אלע קינעמאטאָגראפנ פילמענ: די באָמבארדירונג פונ פאריזש, דעמ פאראד אפ די יעליסייער פעלדער, די צעשיסונג פונ פלייטימ אפ די וועגנ. אפ די פילמענ — אויפשריפטנ: „אָט דאָס איז דער גורל פונ דעמ צופיל גײַוועדיקנ פראנקרײַכ...“ זיי האָבנ כאָרעוו געמאכט די דענקמעלער פונ פראנצויזישע קריגספירער. זיי האָבנ אומעטומ אויסגעהאנגענ זייערע פאָנענ מיטנ איבלדיקנ שפינ — דעמ האקנקרייצ. אפ דער צענטראלער ראָיאל=גאס האָט זיכ אויסגעשטעלט דער פאשיסטישער שטאב.

דורכגייענדיק פארביי דעם שטאב, האָבן די פאריזשער אײַנוואוינער געמוזט אראָפּגיין פון טראָטואר. די פאשיסטישע פּאָליציי — די געסטאפּאָ האָט גענומען פאנגען מענטשן. מע האָט ארעסטירט אויך דעם גרויסן פאָרשטייער פון דער וויסנשאפט דעם פראָפעסאָר לאנזשעווען און טויזנטער ארבעטער. פאר אראָפּרײַסן דײַטשישע פּלאקאטן, האָט די געסטאפּאָ געלאָזט וויסן, וועט מען די שולדיקע שיסן. די פאשיסטן האָבן זיך געדונגען געהילפן — דעם רענעגאט דאָריאָ, לאוואלן, וועלכן מע האָט שטענדיק געקענט קויפן פאר א גראָשן, און נאָך הונדערטער פארעטער. מער אָבער האָט זיך מיט די פארכאפער קיינער ניט געייסעקט. סײַדן נאָר פראָסטיטוטקעס...

די אָקופּאנטן לעבן אזוי ווי אין א מידבער. ווען זיי גייען ארײַן אין א קאפע, גייען פראנצויזן אוועק. ווען עס דערהערן זיך סירענע=קלאנגען, וואָס גיבן צו וויסן וועגן א לופט=אליארם, הייבן אָן די פראנצויזן דעמאָנסטראטיוו צו אפּלאָדירן: זיי באגריסן די באָמבארדיר=אעראָפּלאנען, וואָס זײַנען געקומען באָמבירן די דײַטשישע פאשיסטן. די אָקופּאנטן האָבן געפירט איבער די גאסן פון פאריזש געפאנגענע ענגלישע פליער: „אָט דאָס זײַנען די מענטשן, וואָס פארניכטן פראנצויזישע שטעט". די באפעלקערונג פון פאריזש האָט אײַנגעאָרדנט פאר די געפאנגענע אַן אָוואציע. מענטשן זאָגן: „יעדערער, ווער עס איז קעגן היטלערן, — איז פאר אונדז..." אין נאָיאבער האָבן סטודענטן אײַנגעאָרדנט אף די יעליסייער פעלדער אַן אנטיפאשיסטישע דעמאָנסטראציע. פיל פון זיי זײַנען דערהארגעט געוואָרן. אכצן סטודענטן זײַנען פון די פאשיסטן דערשאָסן געוואָרן. נאָר די סטודענטן האָבן זיך ניט באַרויִקט. ס'איז אויסגעקומען צו פארמאכן אלע שולן, און הונדערטער סטודענטן האָט מען אָפּגעשיקט אין קאָנצענטראציע=לאגערן, ווו הענקער מיט אַן אכטיאָריקן כמאזש פײַניקן די ארעסטירטע. דערפירטע ביז פארצווייפלונג דורך דער טעמפּקײַט און אכזאָריעס פון די דײַטשישע פאשיסטן, גייען די פאריזשאנער אף אלץ. אזוי, צום בײַשפּיל, האָט מען אין דער קאפע „דארקור" אראָפּגעוואָרפן פון דריטן שטאָק א דײַטשישן אָפיצער, וועלכער האָט באליידיקט א פראנצויזישע פרוי. דאָ ניט לאנג האָט מען אף א שמאָל געסעלע אינעם קווארטאל סען=פּאָל אונטערגעשאָסן צוויי אָקופּאנטן. פון דער סענע, לעבן סען=קלו, האָט מען ארויסגעשלעפט א דערטרונקענעם דײַטשישן פּאָלקאָווניק.

די אָקופּאנטנ האָבנ געוואָלט צווינגענ די פראנצויזישע ארבעטער, זיי זאָלנ ארבעטנ פונזייערטוועגנ. זיי האָבנ באשלאָסנ אפ די זאוואָדנ פונ סיטראָיענ אונ רענאָ, אפ די „גנאָם“-זאוואָדנ רעמאָנטירנ אעראָפּלאנענ אונ טאנקענ. מײַלע, האָבנ די פאריזשער ארבעטער אנ ארבעט געטאָנ! די אָפּגערעמאָנטירטע אעראָפּלאנענ זײַנענ ניט ווײַט פארפלויגנ, די טאנקענ זײַנענ געבליבנ שטעקנ סאמע אונטער פאריזש. מע האָט געזוכט, ווער האָט דאָס אָפּגעטאָנ, נאָר מע האָט ניט געפונענ. די ארבעטער זײַנענ געווענ איינמוטיק. דאנ האָבנ די דײַטשישע פאשיסטנ גענומענ מיט געוואלט אָפּשיקנ פאריזשער ארבעטער קיינ דײַטשלאנד — אפ קאטאָרזשנע ארבעט.

דורכ א ראדיאָסטאנציע, וואָס געפינט זיכ אויסער דײַטשישנ קאָנטראָל, האָבנ פראנצויזישע פאטריאָטנ געמאָלדנ: „שרײַבט אָנ אפ אלע ווענט דעמ בוכשטאב V, דעמ ערשטנ אָס פונעמ וואָרט Victoir (זיג)“. די פאטריאָטנ האָבנ געוואָלט ווײַזנ, צי א סאכ פאריזשאנער הערנ זייערע געהיימע טראנסליאציעס. אונ אינ דרײַ טאָ ארומ זײַנענ אלע ווענט געווענ באדעקט מיטנ בוכשטאב V, מע האָט געשריבנ דעמ דאָזיקנ בוכשטאב מיט קרײַד, מיט קוילנ, מיט פארב. אומעטומ האָט דער בוכשטאב געקוקט אפ די אָקופּאנטנ.

אפילע קינדער, פאריזשער שטיפער אונ קונדייסימ, זינגענ אינ פּאָנעמ ארײַנ די דײַטשישע אָפיצערנ: „דו לײַגסט, דו לײַגסט, וועסט אינגיכנ פונדאנענ אוועקגיינ“ — אפנ מאָטיוו פונ א סענטימענטאלנ ראָמאנס.

דאָס פראנצויזישע פאָלק איז הארב באשטראָפט געוואָרנ פאר זײַנ זאָרגלאָזיקײַט, פאר זײַנ ליב האָבנ א גרינג לעבנ, פאר דעמ, וואָס עס האָט דערלויבט דער פאשיסטישער „פינפטער קאָלאָנע“ צו פארנעמענ די קאָמאנדירפּאָסטנס. אצינד איז דאָס פראנצויזישע פאָלק פארהארטעוועט געוואָרנ. דאָס פאָלק איז גרייט ארופצוווארפנ זיכ אפ די פארכאפּער. איכ ווייס די דרייסטקײַט פונעמ פראנצויזישנ פאָלק, — איכ האָב געזענ מארנע אונ ווערדענ. איכ פארשטיי, פארוואָס די דײַטשישע פאשיסטנ קוקנ זיכ ארומ מיט שרעק אינ די אויגנ אינ דעמ לעפּאָנעמווײַז רויקנ פאריזש. א יינגעלע זינגט: „וועסט אינגיכנ פונדאנענ אוועקגיינ...“ געוויס, זיי וועט אויסקומענ ניט אוועקגיינ — נאָר לויפנ פונ פראנקרײַכ. אָבער ניט אלע וועלנ אנטלויפנ...

איכ האָב געזענ די פאשיסטישע מערדער — אינ פאריזש. איכ קענ זיי גוט... אונ אָט, אינ א קורצער יוני-נאכט זײַנענ זיי אָנגעפלויגנ אפ אונדזערע

שטעט. בלוט איז פארגאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פון מײַנע געבורטס־שטאָט, פון דעם אַלטן קיִעוו. ווער האָט פאַרטראַכט די דאָזיקע מילכאָמע? אַ ערגעצ־קער און אַכזאַרישער מאַניאַק מיט מוטנע אומלויפּנדיקע אויגן. ער טראָגט זיך אַרום איבער אייראָפּע, ער זוכט אַ רעטונג, צווישן אַלע ניצחוינעס שפּירט ער זײַן אומפאַרמײַדלעכן אומקום. און דער דאָזיקער אויסוואָרף האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונדז.

עס גייען אַוועק אַפּן פראָנט אונדזערע זין. בײַ די פרויען זײַנען די אויגן טרוקן. ניט קיין יאָמער, ניט קיין טרערן. עס ווייסט די גאַנצע וועלט — מיר האָבן די דאָזיקע מילכאָמע ניט געוואָלט. מיר האָבן געבויט הײַזער, דורכגע־לייגט וועגן, געפלאַנצט גערטנער. מע האָט אונדז אָנגעבונדן די מילכאָמע. גע־פּערלעך איז דער צאָרן פונעם גרויסן פרידנסליבנדיקן פאָלק. מיר האָבן זיך אויפגעצויגן ניט אין קיין אָראַנזשעריייען, ניט אין קיין אינקובאַטאָרן. מיר זײַ־נען געוווינט צו שוועריקײַטן. מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע מילכאָמע וועט זײַן אַ שווערע, ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט. די סאָנים זוכן אויף אונדזער ערד אַ לײַכטן רויב, געפינען וועלן זיי זייער טויט. איינער אַ פאַשיסטישער פּראָפּע־סאָר האָט אָנגעשריבן אַ „וויסנשאַפטלעכן" טראַקטאַט: „וויפל דײַטשישע קאָ־לאָניסטן קאָן מען באַזעצן אויף דער רוסישער ערד". זיי וועלן שוין זען, וויפל טויטע קערפּערס פון דײַטשישע פאַשיסטן עס קאָן אין זיך אַרײַנעמען די סאָוועטישע ערד.

איליא ערענבורג

„איזוועסטיא" 26 יוני 1941 י.

אין דער פאַשיסטישער טורמע נומ. 6

די לאַגע אין דער אָקופּירטער בעלגיע

„די געפאַנגענע אין דער פאַשיסטישער טורמע נומ. 6" (בעלגיע איז גע־וואָרן דאָס זעקסטע לאַנד, אויף וועלכן היטלער איז ראַצביש אָנגעפאַלן) — אַזוי האָבן זיך אַליין אָנגעהויבן רופן די בעלגיער נאָך די טראַגישע טעג, וואָס האָבן זיך דעם 28־טן מײַ 1940 יאָר פאַרענדיקט מיט דער קאַפּיטוליאַציע פון דער בעלגישער אַרמיי און מיט דער אָקופּאַציע פון אָט דעם נייטראַלן לאַנד דורך די דײַטשישע פאַרכאַפּער.

פונ דעמ דאָזיקנ מאָמענט אָנ איז בעלגיע געבליבנ אָפּגעשניטנ פונ דער אויסערלעכער וועלט. בלויז די דערציילונגענ פונ די פּילצאָליקע פּליטימ, וואָס האָבנ זיכ דורכגעריסנ דורכ דער פאַשיסטישער בלאָקאַדע, די דערציילונגענ, וואָס זײַנענ פאַרעפנטלעכט אינ דער אויסלענדישער פּרעסע, — בלויז זיי וואַרפנ א שײַנ אַפ דער עמעסער לאַגע, וואָס האָט זיכ געשאַפנ אינעמ לאַנד.

„די דאָזיקע דערציילונגענ, — שרײַבט די „סענדיי טײַמס“, — גיבנ צו וויסנ וועגנ דרוק, וועגנ רויב, וועגנ שווינדל און וועגנ געוואַלדטאַט, נאָר זיי לאָזנ אויכ וויסנ וועגנ דער האָפענונג, וואָס לעבט אינ האַרצנ פונעמ בעלגישנ פאָלק, פונעמ פאָלק, וואָס האָט שטאָלצ דערוויזנ, אַז סע שטעלט זיכ קעגנ די דײַטשישע באַצווינגער פונקט אַזוי מוטיק, ווי אינ 1914 יאָר“.

פולשטענדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרשקלאַפונג, צעווילדעוועטער טעראָר, אַרבעטסלאָזיקײַט, הונגער און דאַלעס — אָט דאָס זײַנענ די „גליקנ“, וואָס די פאַשיסטישע אָקופּאַנטנ האָבנ געבראַכט דעמ בעלגישנ פאָלק.

לעכאַטכילע, קעדיי צו באַרויקנ די בעלגישע געזעלשאַפטלעכקײַט, האָבנ די אָנפירער פונ דער פאַשיסטישער קליקע בעקויל-ראָמ דערקלערט, אַז זיי באַטראַכטנ בעלגיע אַלס אַנ אומאָפּהענגיקע מעלוכע, וואָס איז אָקופּירט געוואָרנ צוליב סטראַטעגישע צוועקנ. א בוילעטער בײַשפּיל פונ דער דאָזיקער „אומאָפּהענגיקײַט“ איז די געשעעניש, וואָס איז זיכ פאַרלאָפנ אינעמ אַנטווערפּענער געריכט, ווו ס'האָט געזאָלט באַטראַכט ווערנ א געריכט-איניענ, וואָס איז אויפגעקומענ נאָכ אינ 1938 יאָר. אַלס באַשולדיקטע האָבנ פיגורירט די איצטיקע אַגענטנ פונ די דײַטשישע פאַשיסטנ. און אָט האָבנ זיכ אָפּנ געריכט אָנשטאָט די באַשולדיקטע געמאָלדנ... דײַטשישע אָפיצערנ, וועלכע האָבנ אַרעסטירט דעמ ריכטער מיטנ פּראָקוראָר און קאָנפיסקירט אַלע דאָקומענטנ.

„אינ די דאָזיקע באַדינגונגענ, — שרײַבט די „מאַנטשעסטער גאַרדיאַנ“, — זענענ ניט די פאַשיסטנ קיינ סיבעס, פאַרוואָס זיי זאָלנ דאַרפנ אָפּציִענ מיטנ דורכפירנ אינ לעבנ די קאַמפּאַניע פונ אַכזאָריעסדיקסטע רעפּרעסיעס און טעראָר“. די צײַטונג דערציילט וועגנ אָנ א שיר אַרעסטנ צווישנ די בעלגישע פּאָליטישע טוער און צווישנ דער אינטעליגענצ.

דאָס גאַנצע קולטור-לעבנ פונ בעלגיע געפינט זיכ דורכויס אונטערנ קאָנטראָל פונ די אָקופּאַנטנ. אינ קינאָ ווערנ דעמאָנסטרירט אויסשליסלעכ דײַטשי-

שע פילמענ, די ביכער=מאגאזינענ זײַנענ פארוואָרפנ מיט פאשיסטישער ליטעראטור, די פרעסע האָט קיינ פּאָנעם ניט אונ זי כאזערט נאָר איבער דאָס, וואָס עס דיקטירט איר די דײַטשישע פּראָפּאגאנדע. די בעלגיער באָיקאָטירנ די דאָזיקע צײַטונגנ אונ זיי קויפנ זי בלויז אינ יענע טעג, ווענ עס ווערנ פארעפנטלעכט די נאָרמעס פונ ארויסגעבנ פּראָדוקטנ; אָנשטאָט די צײַטונגענ כאפנ זיי בעסער אופ די אויסלענדישע ראדיאָ=טראנסליאציעס, ניט געקוקט דערופ, וואָס מע ריזיקירט דערבײַ שטרענג באשטראָפט צו ווערנ.

ניט בעסער האלט עס אפנ ווירטשאפטלעכנ געביט. לויט דער מיטיילונג פונ „ניו=יאָרק טײַמס“ איז „די גאנצע בעלגישע עקאָנאָמיק אונטערגעוואָרפנ די באדערפענישנ פונ דײַטשלאנד, אונ ווערנ ווערט עס פארווירקלעכט דורכ אָפּשיקנ מיט געוואלט בעלגישע ארבעטער קיינ דײַטשלאנד, דורכ צונויפגיסנ גרויסע בעלגישע פירמעס מיט דײַטשישע, דורכ לאָזנ אינ פארקער די דײַטשישע „אָקופּאציע=מארקע“, וואָס איז מיט גאָרנישט ניט געזיכערט, דורכנ אײַנפירנ א קאָנטראָל איבער דער גאנצער אינדוסטריע, דורכנ ראציאָנירנ די פּראָדוקטנ אאוו.“.

אלע בענק געפינענ זיכ אונטערנ קאָנטראָל פונ דײַטשישע דירעקטאָרנ, אלע האנדלס=אָפּעראציעס מיט אויסלאנד ווערנ דורכגעפירט אויסשליסלעכ דורכ בערלינ. די פאשיסטישע רויבער פּאָמפּענ ארויס פונעם לאנד אלע זײַנע רעסורסנ. פונ 60 ביז 75 פּראָצענט אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע ווערט ארויסגעפירט קיינ דײַטשלאנד. בעלגיע פארמאָגט ביז גאָר רײַכע קוילנ=רעזערווג, דאָכ איז די באפעלקערונג דעם פאָריקנ ווינטער געפרוירנ אינ ניט באהייצטע דירעס. די קוילנ=סקלאדנ האָבנ געפוסטעוועט, ווײַל מע האָט די קוילנ ארויסגעפירט קיינ דײַטשלאנד. בעלגיע איז פארוואנדלט אינ אנ עקאָנאָמישנ צוגאָב צו דער „דריטער אימפּעריע“, אונ די עקאָנאָמיק אירע ווערט אינגאנצנ איבערגעניצעוועט אנטשפּרעכיק צו די אינטערעסנ פונ דער דײַטשישער „מעטראָפּאָליע“. עס איז, צום בײַשפּיל, אפּ 50 פּראָצענט פארקלענערט געוואָרנ דער שעטעכ פאר פיטער=גראָזנ אונ ס'איז אנטשפּרעכיק פארגרעסערט געוואָרנ דער פארזיי=שעטעכ. דאָס האָט געבראכט צו א מאסנווײַזער אויסשעכטונג פונעם פי; פונ פארקויפ זײַנענ אינגאנצנ פארשוואונדנ געוואָרנ די מילכ=פּראָדוקטנ; פונ אויפעס איז פארבליבנ נאָר 10 פּראָצענט פונ דער פריערדיקער צאָל; נאטירלעכ, זײַנענ אויכ פארשוואונדנ אייער.

אלע זאפאסנ פונ פּראָדוקטנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ לאנד, זײַנענ באלד

אינ די ערשטע טעג ארויסגעפירט געוואָרנ קיינ דײַטשלאנד. איבער בעלגיע, וואָס האָט די באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג אונ פּראָדוקטנ אינ א היפּשער מאָס געדעקט אָפנ כעזשבנ פונ אימפּאָרט אונ וואָס האָט איצט פארלאָרנ די אויסלענדישע מערק, הענגט איצט דער גרויזאמער געשפּענסט פונ הונגער. די נאָרמעס פּראָדוקטנ, וואָס מע גיט ארויס, שטעלנ מיט זיך פאָר בלויז א הונגער-פּאיאָק (200 גראמ ברויט, מעל, אָדער לאָקשנ אָפנ טאָג; 35 גראמ פלייש אאוו.). פאקטיש אָבער האָט די באפעלקערונג די לעצטע כאדאָשימ באקומענ ניט מער ווי 50—60 פּראָצענט פונ די דאָזיקע הונגער-נאָרמעס.

דאָס קאטאסטראָפישע שטײַגנ פונ די פּרײַזנ אונ די צעפאלונג פונ דער עקאָנאָמיק האָבנ געבראכט צו דער פולשטענדיקער פאראָרעמונג פונ דער באפעלקערונג. ווי עס שרײַבט די בעלגישע „נוואָ זשורנאל“, זײַנענ די גאסנ פונ בריסעל בוכשטעבלעך פארפלייצט מיט אָרעמעלײַט. א קאָרעספּאָנדענט פונ דער שוועדישער „דאגענס ניוכעטער“, וואָס האָט באזוכט בעלגיע, דערציילט, וויאזוי מענגעס זקיינימ אונ קינדער האָבנ באלאגערט דעמ צוג, מיט וועלכנ ער איז געפאָרנ, אונ די איבערגעפרעסענע דײַטשישע אָפיצערנ האָבנ זיי געוואָרפנ פונ די פענצטער שירײַמ. די בעלגישע פּרעסע איז מודיע, אז פונ 8 מיליאָנ באפעלקערונג לעבנ אָנדערהאלבנ מיליאָנ פונ נדאָווועס פונ פארשיידענע צדאָקע-אָרגאניזאציעס.

וויאזוי זשע רעאגירט דאָס בעלגישע פאָלק אפ דער געשאפענער לאגע? די „גאזעט-דע-לאָזאנ“ דרוקט מיקויעך דעמ משיקאווע אויסצוג פונ א פאָרטראָג, וועלכנ עס האָט צונויפגעשטעלט אינ בריסעל אנ אנאָנימער אווטאָר, לויט ווי די צײַטונג זאָגט, — אנ אָנגעזעענער בעלגישער טוער. דער אווטאָר ווײַזט אָנ, אז אינעמ מאָמענט, ווענ די דײַטשישע פאשיסטנ האָבנ זיך ארײַנגעריסנ אינ לאנד (דעמ 10-טנ מײַ), האָט אינ לאנד געהערשט א פולשטענדיקע פארלוירנקײַט אונ א פאניק. דעריבער איז די אָקופאציע אינעמ ערשטנ מאָמענט אויפגענומענ געוואָרנ, ווי דער שלומ פונ דער מילכאָמע. אָבער שוינ צומ אָנהייב יול האָבנ די בעלגיער דערקענט דאָס עמעסע פאָנעמ פונ די אָקופאנטנ, אונ אינ דער געזעלשאפטלעכער מייגונג איז פאָרגעקומענ א שארפער קער. אצינד, ווי עס דערציילט דער אמעריקאנישער זשורנאל „דזימ אוויק“, איז 90 פּראָצענט פונ דער באפעלקערונג פול מיט האס צו די פארכאפער אונ איז טיפ איבערצײַגט, אז דײַטשלאנד וועט סאָפקאָלסאָף צעגראָמירט ווערנ.

די פאשיסטישע פארכאפער שטיצנ זיכ אפ פארעטער, אפ אגענטנ פונ דער „פינפטער קאָלאָנע", וואָס זײַנענ זײַנערצײַט ארויסגעשיקט געוואָרנ אינ קאָנצענטראציע-לאגערס קיינ פראנקרײַכ אונ וואָס די אָקופאנטישע מאכט האָט זיי אצינד צוריקגעקערט קיינ בעלגיע.

ס'איז מערקווירדיק, אז אינ בעלגיע איז מענ אזוי ווײַט זיכער אינ דעמ אומפארמײַדלעכנ קראכ פונעמ דײַטשישנ פאשיזמ, אז „נוואָ זשורנאל" קלאָגט זיכ ביטער אפילע אפ די גרויסע פינאנסיסטנ, וואָס האָבנ ביימ די געשעענישנ אינ יוגאָסלאוויע „געפרוווט אראָפרײַסנ די דײַטשיש-בעלגישע עקאָנאָמישע מיטארבעט".

נאטירלעכ, אז נאָכ א גרעסערע פײַנטשאפט באגעגענענ די דײַטשנ אינ דער ארבעטער-סוויווע. פונ די מאָביליזירטע ארבעטער, וואָס זײַנענ אָפגעשיקט געוואָרנ קיינ דײַטשלאנד אונ זײַנענ געקומענ צוריק אהיימ אינ אורלויב, האָבנ זיכ 80 פראָצענט אָפגעזאָגט פאָרנ צוריק, ניט געקוקט דערופ, וואָס מיטנ דאָזיקנ אָפזאָג ציענ זיי אפ זיכ ארופ דעמ פארבאָט צו באקומענ אינ בעלגיע ארבעט אונ זיי וועלנ ניט באקומענ אפילע קיינ פראָדוקטנ-קארטלעכ. די ארבעטנדיקע זײַנענ מיט זיי סאָלידאר, אונ כאָטש זיי הונגערנ אליינ, העלפנ זיי מיט אלע קויכעס די דאָזיקע מענטשנ, בא וועמענ עס איז אָפגענומענ געוואָרנ דאָס רעכט אפ לעבנ.

אומעטומ וואקסט די אומצופרידנקײַט. עס פארמערנ זיכ סאבאָטאזש-אקטנ, אלצ אָפטער קומענ פאָר שטרײַקנ אונ דעמאָנסטראציעס, אלצ ענערגישער ווערט ארויסגעלאָזט אונטערערדישע אנטיפאשיסטישע ליטעראטור; א באזונדערנ דערפאָלג צווישנ די ברייטע מאסנ האָט די „ווא דיו פעפל", וואָס ווערט ארויסגעגעבנ פונ קאָמוניסטנ אינ אונטערערדישע באדינגונגענ. עס העלפנ ניט קיינ שומ רעפרעסיעס פונ די דײַטשישע מאכט-אָרגאנענ (די קאָלאָסאלע שטראפנ, וואָס מע לייגט ארופ אפ די „פארזינדיקטע" מוניציפאליטעטנ, די צעשיסונגענ אונ ארעסטנ, דאָס אוועקפירנ קיינ דײַטשלאנד אָרוועסניקעס). אינ א בריוו פונ בעלגיע, וואָס איז אָפגעדרוקט אינ „סענדיי טיימס", ווערט געזאָגט:

„אויסערלעכ, אפנ ערשטנ קוק, זײַנענ די באציונגענ צווישנ די בעלגיער אונ די דײַטשנ האגאמ קאלטלעכע, אָבער קאָרעקטע, אינדערעמעסנ האָט זיכ דאָס גאנצע פאָלק צונויפגעגאָסנ אינ א מינ געהיימער געזעל-

שאפט, וואָס די מיטגלידער אירע זײַנען פּאַרייניקט דורך זייער האַס צום סוינע. באַנאַכט קומען פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן, כאָטש אַלע ווייסן וועגן די רעפּרעסיעס, וואָס וועלן אומפאַרמײַדלעך קומען, אַף די זאַוואָדן פלאַקערן אויף געהיימניספולע סרייפעס, מיליטערישע טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־דראָטן ווערן איבערגעשניטן... די אומזיכטבאַרע סאָלדאַטן פון דער פאַ־טענציאָנעלער אויפשטאַנד־אַרמיי האָבן געהיים אָנגעהויבן זייער אַרבעט".

יע. א.

„איזוועסטיאַ", 27 יוני 1941 י.

פּראָטים וועגן הונגער־דעמאָנסטראַציעס פון פרויען אין בעלגיע

(אַ בריוו פון קאָפּענהאַגען)

די בעלגישע צײַטונגען („פּעי רעעל", „טראַוואַי" און אַנד.) שרײַבן וועגן דער אויסערסט שווערער לאַגע מיט שפּײַז־פּראָדוקטן אין בעלגיע. אין מײַ און יוני ד. י. איז די לאַגע געוואָרן אַ קריטישע און זי ווערט אַלץ ערגער און ער־גער איבערן פולשטענדיקן כורבן, וואָס די דײַטשישע פאַרכאַפּער האָבן אָנגע־טאָן אין לאַנד.

די נאָרמע פּראָדוקטן, וואָס מע גיט איצט אַרויס אין בעלגיע, באַטרעפט בלויז אַ פּערטל פונעם פאַרמילכאָמעדיקן געברויך, אַ פּערטל פון דעם, וואָס איז נייטיק, אַז דאָס לאַנד זאָל קאָנען נאָרמאַל לעבן. די מאָגערע רעזערוון פון פּראָדוקטן, וואָס זײַנען דאָ אין בעלגיע, גייען אַפּ צו באַזאָרגן דאָס דײַטשישע מיליטער. די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג הונגערט, און די אַטמאָספער איז אַזאַ אָנגעגליטע, אַז איטלעכער קליינער אינצידענט ווערט גאַנץ אָפט אין די בעל־גישע שטעט פאַרוואַנדלט אין גרויסע דעמאָנסטראַציעס קעגן הונגער און קעגן דער הערשאַפט פון די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

דעם 20־טן מײַ איז אין אַנטווערפּען פאָרגעקומען פאָלגנדיקער כאַראַק־טעריסטישער פאַל: אַ יינגעלע פון אַן אַרבעטער־פאַרשטאָט האָט זיך אומגע־קערט פון גאַס אַהיים און האָט מיט זיך געבראַכט דער מוטער אַ לאַבן ברויט, וואָס ער האָט צוגעגאַנוועט אין אַ קלייט. די מוטער האָט אָנגעשלאָגן

דאָס קינד אונ האָט אימ געהייסנ אָפּטראָגנ דאָס געגאַנווועטע ברויט צוריק. דאָס ייִנגל האָט זיכ אָפּגעזאָגט, האָט די מאַמע אימ גענומענ שלאָגנ. אַ פאַרווינטער איז דאָס ייִנגל ארויסגעלאָפנ אפנ גאס, נאָכ אימ איז ארויסגעלאָפנ די מאַמע. עס האָבנ זיכ ארומ זיי צונויפגעקליבנ שכיינעס. ווענ זיי האָבנ זיכ דערוווּסט, וואָס איז דער טומל, זײַנענ זיי גוואַלדיק אופגעבראַכט געוואָרנ. אינ דער מענגע פרויענ האָבנ זיכ געלאָזט הערנ אויסגעשרייענ: „מיר הונגערנ, אונ די קינדער אונדזערע מוזנ גיינ גאַנווענענ!“

די מענגע פרויענ האָט זיכ אַ לאָז געטאָנ איבער די גאסנ, זיי האָבנ אָנגעקלונגענ אינ די טירנ, רופנדיק אַלע פרויענ פונעמ קוואַרטאַל צושטיינ צו דער דעמאָנסטראַציע. דערנאָכ האָבנ זיכ די פרויענ אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָט-פאַרוואַלטונג.

מענטשנ, וואָס זײַנענ געקומענ צו פאָרנ פונ אַנטווערפּענ אונ זײַנענ אַלייִנ געווענ דערבײַ, דערציילנ, אַז ווענ די דעמאָנסטראַציע האָט זיכ דערנעענטערט צו דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, האָט זי שוינ געהאַט אינ אירע רייענ עטלעכע הונדערט פרויענ. צו די מאַנצבלענ, וואָס האָבנ זיכ פאַרייניקט צו דער פּראָצעסיע, האָבנ די פרויענ אַזוי געזאָגט: „איר וואַרט צו אַקאָרשט. איצינד איז ניט אײַער רײַ. אײַכ וועט אויסקומענ אַנ אַרבעט טאָנ שפּעטער. איצינד וועלנ מיר פאָדערנ, קיינער וועט ניט וואַגנ אונדז עפּעס טאָנ“.

די פרויענ האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אַרומ דער שטאָט-פאַרוואַלטונג אונ האָבנ געפאָדערט ברויט. אַ דײַטשישער היטלערישער אָפיצער, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ דער פאַרוואַלטונג, האָט גענומענ שרײַענ אפ די פרויענ אונ פאָדערנ, זיי זאָלנ זיכ גלײַכ פאַנאַנדערגיינ. דערבײַ האָט ער זיכ עטלעכע מאָל געכאַפּט פאַרנ רעוואָלווער. די פרויענ האָבנ אימ אָבער געשריִענ אינ פּאָנעמ אַרײַנ: „שיס! מיר האָבנ נישט וואָס אָנצווערנ!“.

די היטלערישע זשאַנדאַרמענ, וואָס זײַנענ געקומענ צו לויפנ צומ פּלאַצ, ווו ס'איז פאָרגעקומענ די דעמאָנסטראַציע, האָבנ געפּרוּווט צעטרײַבנ די פרויענ, נאָר די פרויענ האָבנ זיי געפּאַטשט אונ געשריִענ: „מיר האָבנ אײַכ ניט גערופנ צו אונדז אינ לאַנד! טראָגט זיכ אָפּ צו זיכ אונ פירט אײַנ דאָרט אײַערע פּאָראָנדקעס“.

די זשאַנדאַרמענ האָבנ געהאַט אַרעסטירט איינעמ אַ מאַנצבל, די פרויענ האָבנ אימ אָבער באַפרײַט. די נײַ-אָנגעקומענע אָטריאַדנ היטלערישע זשאַנ-

דארמען האָבנ קוימ פאנאנדערגעיאָגט די דעמאָנסטראציע. עס זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ 12 מאנ.

דער מענטש, וואָס האָט איבערגעגעבנ דעמ דאָזיקנ פאקט, דערציילט, אז ער האָט ניט איינ מאָל געהערט, אז אויב אינ א ריי אנדערע שטעט פונ בעלגיע — אינ בריסעל, אינ שארלערוא, אינ לעזש קומענ פאָר אזוינע דעמאָנסטראציעס.

אינ בריסעל צירקולירט אנ אקשאָנעסדיקער קלאנג, אז אויב אינ דײַטשלאנד קומענ פאָר פרויענ-דעמאָנסטראציעס קעגנ דער מילכאָמע. מע גיט איבער, אז אזוינע דעמאָנסטראציעס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ בערלינ אונ אינ קעלנ, אונ די היטלערישע זשאנדארמענ האָבנ זיי פאנאנדערגעטריבנ, שיסנדיק איבער די דעמאָנסטראנטקעס פונ קוילנווארפער. (טאסס).

די היטלערישע ראָצכימ אינ ווארשע

מיט עטלעכע טעג פאר דעמ, ווי די צעיושעטע דײַטשישע פאשיסטנ זײַנענ אָנגעפאלנ אפ די סאָוועטישע גרענעצנ, האָט זיכ מיר אײַנגעגעבנ ארויסצורײַסנ זיכ פונ ווארשע אונ קומענ קיינ פססר. איכ האלט פאר מײַנ כויוו צו דערציילנ בעקויל-ראָמ וועגנ די העסלעכע פארברעכנס, וואָס די היטלעראָוועס באגייענ אינ פוילנ. דאָס פוילישע פאָלק האָט אינ פארלויפ פונ זײַנ גאנצער געשיכטע קיינמאָל ניט איבערגעלעבט עטוואָס אזוינס, וואָס מע זאָל עס קאָנענ פארגלײַכנ מיט די צאָרעס, וועלכע סע האָט איצט אויסצושטיינ. דאָס לאנד איז צעטאָפטשעט אונטערנ פאשיסטישנ שטיוול. די מענטשנ זײַנענ פארשקלאפט אונ דערנידעריקט. אינ די קווארטאלנ פונ ווארשע הערשט הונגער אונ דאלעס. עס בושעווענ עפידעמישע קראנקײַטנ.

די דײַטשישע פאשיסטנ האָבנ צעראבירט פוילנ. זיי האָבנ פונ דאָרט ארויסגעפירט אלצ, וואָס זיי האָבנ נאָר געקאָנט, — מאשינעס, פראָדוקטנ, פארשיידענע סכוירעס, וועש, קליידונג. די מאגאזינענ פונ ווארשע האָבנ זיי צעראבירט ביז א שפענדל. אלצ, וואָס האָט נאָר דעמ מינדסטנ ווערט, האָבנ די דאָזיקע ראָצכימ אָנ בושע געשלעפט פונ די פריוואטע דירעס — אראָפגעריסנ אפילע די צעראטעס פונ די טישנ.

די באפעלקערונג פונ ווארשע הונגערט. די פאָליאקנ באקומענ אפ קאר-

טלעב 350 גראַם ברויט א טאָג. די ייִדישע באַפעלקערונג — 750 גראַם א וואָך. פון צוקער, פלייש, טיי און אַנדערע פּראָדוקטן איז שוין לאַנג קיין זייכער גיטאָ.

די גאַנצע באַפעלקערונג איז אײַנגעטיילט אין דרײַ גרופּעס: פולבאַרעכטיקטע באַלעבאַטים, די פּריווילעגירטע פּנײַ — דאָס זײַנען די דײַטשן; דאָס רעכטלאָזע, פאַריאָגטע, פאַרשקלאַפטע און באַרויבטע פּוילישע פאָלק און, ענדלעך, די ייִדן, וואָס זײַנען דערפירט געוואָרן צו דער לעצטער מאַדרייגע פון האַלעם און דערנידעריקונג. די דײַטשישע פאַשיסטן איזדעקעווען זיך איבער דער פּוילישער קולטור. די פּוילישע שולן זײַנען פאַרמאַכט, פון פיל פּוילישע שטעט האָט מען די פּוילישע באַפעלקערונג פאַרטריבן. אין קראָקע האָט זיך באַזעצט דער דײַטשישער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס באַלעבאַטעוועט אין לאַנד צוזאַמען מיט זײַנע פאַשיסטישע מעשאָרסים. טויזנטער פּאָליאַקן זײַנען אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. מאַסן־צעשיסונגען און אַרעסטן איז געוואָרן א וואָכעדיקע זאַך.

וואַרשע איז פאַרפלייצט מיט דײַטשן, וואָס זײַנען זיך אָנגעפאָרן פון די צענטראַלע און מערעוודיקע ראַיאָנען פון דײַטשלאַנד. די שטאָט איז צעטיילט אף דרײַ זאָנעס: אף א דײַטשישער, א פּוילישער און א ייִדישער. אַלע דרײַ טיילן פון שטאָט זײַנען איינער פונעם אַנדערן איזאָלירט. דער שווידער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע איז א שפּילכל אַנטקעגן די רעציכעס, וואָס ווערן באַגאַנגען איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. ייִדן ווערן אף א צוואַנג־אויפן סטעריליזירט. די דײַטשישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאַרבאָטן צו היילן די ייִדישע קינדער יינגער פון 3 יאָר און זקייגים עלטער פון 60 יאָר.

אין די גאַסן פון שטאָט איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען בײַצווײַן בא האַרצרײַסנדיקע סצענעס. איך האָב געזען א קליין קינד, וואָס האָט מיט עפּעס אַרײַנגעבראַכט אין קאָס א דײַטשישן אָפיצער. דער אָפיצער האָט דערלאַנגט דעם ייִנגל א קלאַפּ. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עס איז אים, קאָנטיק, אײַנגעפאַלן א „טײַערער געדאַנק“: ער האָט צוגערופן א פּוילישן פּאָליציאַנט און, סטראַשענדיק אים, געהייסן, ער זאָל שלאָגן דאָס ייִנגל. דער פּאָליציאַנט האָט גענומען שלאָגן דאָס קינד, אפן טראָטואַר האָט זיך געגאָסן בלוט פונעם קינדס קאָפּ און פון דער נאָז, און דער אָפיצער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אָן א זײַט און האָט די דאָזיקע סצענע אָפּגיך פאָטאָגראַפירט

מיטנ פאָטאָ-אפּאראט. איכ ווײס ניט, וואָס האָט ער זיכ געקליבנ צו טאָנ מיט דער דאָזיקער פאָטאָגראפיע, מיסטאמע האָט ער זי געהאט בעדייע צו שיקנ אינ א וועלכער-עס-איז צײַטונג.

איכ האָב געזענ, ווי מע האָט אײנע אנ אלטע פּוילישע פרוי פאר עפּעס א „כעט“ געצווונגענ אויסטאָנ זיכ נאקעט. אפ מײַנע אויגנ האָט א דײַטשי-שער זשאנדארם דערשאָסנ אײנע א פרוי, וועלכע האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט, ווענ ער האָט זי א רופ געטאָנ. דערנאָכ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס איז געווענ א טויב-שטומע. ס'איז שווער צו באשרײַבנ, וויאזוי די פאשיסטישע אויסווורפנ איזדעקעווענ זיכ איבער דער באפעלקערונג פונ ווארשע. אפנ ראָג כלאָדנע אונ זשעליאזנע האָב איכ געזענ א זאָקנ מיט אנ אנטבלויזטנ קאָפּ אפנ שנײ, ווענ מע האָט צונויפגעדרייט די הענט אונ פיס אונ צוגעבונדנ צו א בוימ לעבנ טראָטואר. פארבײַגײער האָבנ געזאָגט, אז ער האָט ניט באַוויזנ באצײַטנס אראָפּכאפּנ דאָס היטל, ווענ ס'איז דורכגעגאנגענ פארבײַ א דײַטשישער אָפיצער.

ווענ איכ וואָלט געוווּסט, אז איכ וועל האָבנ די מעגלעכקײַט צו דערציילנ דער ציוויליזירטער וועלט דאָס אלץ, וואָס עס קומט איצט פאָר אינ ווארשע, וואָלט איכ זיכ מערער צוגעקוקט צו די דאָזיקע גאסנ-סצענעס.

דעמ דאלעס פונ דער פּוילישער אונ ייִדישער באפעלקערונג פונ ווארשע איז ניט מעגלעכ צו באשרײַבנ. ס'איז גענוג צו זאָגנ, אז אפ די גאסנ פונ שטאָט האָבנ זיכ ניט לאנג באוויזנ ריקשעס — דאָס זײַנענ פאראָרעמטע, אינגאנצנ אויסגעהונגערטע פּוילישע אונ ייִדישע סטודענטנ.

מיט מיר אלײנ האָט דאָ ניט לאנג פאסירט אזא פאל. איכ בינ געגאנגענ איבערנ גאס אונ געטראָגנ א לוסטע ברויט, צוגעדעקט מיט דער פאָלע. אפ מיר איז אָנגעשפּרונגענ א הונגעריק ייִנגל. איכ האָב ניט באוויזנ ארומצוקוקנ זיכ, ווי דאָס ייִנגל האָט בא מיר ארויסגעכאפּט דאָס ברויט אונ האָט גלײַכ א שטיק פונ דעמ אָפּגעביסנ. האָב איכ דענ געקענט מיט מײַנע קראנקע פיס אימ נאָכיאָגנ?! ער האָט אופגעגעסנ מײַנ שטיקל ברויט בא מיר אפ די אויגנ.

עס איז גאָר ניט מעגלעכ אויסצודריקנ מיט ווערטער, וואָס פאר א האס עס ברענט אינעמ הארצנ פונעמ פּוילישנ פאָלק. קײנמאָל אינ דער וועלט, קײנער אונ אינ ערגעצ האָט ניט געטראָגנ אינ זיכ אזא האס, ווי דער האס, וואָס מע טראָגט איצט אינ פּוילנ צו די היטלערישע באנדיטנ. זיי ווייסנ דאָס, זיי

פילנ דעמ דאָזיקנ האס אפ יעדנ טריט אונ שריט. דעריבער טאקע צערעכענענ זיי זיכ אזוי אכזאָריעסדיק מיט די פאָליאקנ.

אָבער דער טעראָר העלפט ניט. סײַווי רײַסט זיכ דער האס ארויס פונ הארצנ. אפ די ווענט, אינ קינאָ נאָכ א סעאנס באווײַזנ זיכ אויפשריפטנ, לידער, לאָזונגענ, אינ וועלכע דאָס פוילישע פאָלק פארשעלט זײַנע אונטערדריקער.

איכ בינ גליקלעכ, וואָס מיר האָט זיכ אײַנגעגעבנ ארויסצורײַסנ זיכ פונעמ דאָזיקנ גענעמ, איכ וועל אָבער קיינ רעגע ניט קאָנענ זײַנ רויק, קאָלזמאנ איכ ווייס, ווי עס לײַדנ מיליאָנענ מענטשנ אונטערנ בלוטיקנ היטלערישנ יאָכ. איכ וועל זיכ אפ קיינ רעגע ניט קאָנענ בארויקנ, ביז איכ וועל זיכ ניט דערווארטנ אפ זייער באפרײַונג, ביז עס וועלנ ניט אָפגעמעקט ווערנ פונ דער ערד די פאשיסטישע ראָצכים.

יוליא בארליצקאיא

„פראוודא“, 26 יונ 1941 י.

די פאשיסטישע מערדערײַ אינ יוגאָסלאוויע

דער פאשיזמ האָט אויפגעהויבנ זײַנ בלוטיקע שווערד אפ אונדזער גרויסנ היימלאנד. ווי גאנאָווימ, הינטנ-ארומ, זײַנענ די פאשיסטישע האָרדעס אָנגעפאלנ אפ אונדזערע הייליקע גרענעצנ. די היטלערישע באנדיטנ ווילנ פארשקלאפנ אונדזער פאָלק אונ ברענגענ עס צו אומגעהייערע צאָרעס, צו די זעלבע צאָרעס, וועלכע עס לעבנ איצט איבער די אנדערע פעלקער פונ אייראָפע, וואָס דער פאשיזמ האָט זיי פארשקלאפט. הונגער, טעראָר, ליידנ, איזדעקענישנ, פײַניקונגענ — אָט דאָס איז דער הײַנטיקער גורל פונ די פעלקער פונ פראנקרײַכ, פונ האָלאנד, פונ בעלגיע, פונ יוגאָסלאוויע, פונ דענעמארק, פונ גריכנלאנד אונ פונ אנדערע.

דעמ אוטאָר פונ די דאָזיקע שורעס איז אויסגעקומענ צו זײַנ אנ איידעס פונ דער שוידערלעכער עקזעקוציע פונ די היטלערישע באנדעס איבערנ יוגאָסלאווישנ פאָלק, וואָס וויל אפ זיכ ניט אָנטאָנ דעמ פאשיסטישנ יאָכ.

אונדז איז אויסגעקומענ צו זענ יוגאָסלאוויע אינ די ערשטע וואָכנ נאָכ דעמ, ווי מע האָט זי פארשקלאפט. די אָקופאנטנ האָבנ אָנ ראכמאָנעס זיכ

צערעכנט מיט יענע, וואָס האָבנ כאָטש מיט איינ וואָרט אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט. באַלד נאָכ דעמ, ווי די דייטשישע מיליטער־טיילנ האָבנ זיכ באַוויזנ אינ א שטאָט, זיינענ אָנגעקומענ אָטריאַדנ פונ די „געסטאַפּאָ“־יונגענ. אפ זייערע היטלענ טראָגנ די דאָזיקע פאַטענטירטע מערדער אנ אָנגעמאָסטענע פאַר זיי עמבלעמע: א שאַרבנ מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער. די אזוי־גערופענע „אָפּרייניקונג“ פונ די פאַרנומענע באַפעלקערטע פונקטנ, די אָפּרייניקונג, וואָס עס פירנ דורכ די געסטאַפּאָווצעס, באַשטייט אינ מאַסנ־צעשיסונגענ אונ ארעסטנ. מע ארעסטירט וועמענ סע לאָזט זיכ — מאַנצבלענ אונ פרויענ, יונגטלעכע אונ זקיינים. אויב דער מענטש, וואָס אפ אימ פאַלט דער גורל ארעסטירט צו ווערנ, באַהאַלט זיכ אויס, ארעסטירנ די פאַשיסטנ אלע זיינע קרובים — די מוטער, די פרוי, די קינדער, — מע פייניקט זיי אונ מע פאָדערט, זיי זאָלנ אָנווייזנ דאָס אָרט, ווו יענער געפינט זיכ.

ווו נאָר די אָקופּאַנטנ באַווייזנ זיכ, הייבט זיכ אָנ די „באַהערשונג“ פונ דער נייער טעריטאָריע דורכ א מאַסנ־רויב. אינ נאָוואָגראַדישעק האָבנ מיר געזענ אזא בילד: דייטשישע סאָלדאַטנ גייענ אריינ אינ א קלייט אונ פאַרבאָטנ אהינ אריינצוגיינ די קונים. פונ די סכוירעס, וואָס געפעלנ זיי, נעמענ זיי אָנ וויפל נאָר סע לאָזט זיכ, זיי צווינגענ, מע זאָל עס גוט איינפּאַקנ, אונ פירנ עס דערנאָכ אוועק. פריער פלעגנ נאָכ די רויבער איבערלאָזנ א קוויטל, אז זיי האָבנ קלוימערשט „צוגענומענ סכוירעס פאַר די באַדערפענישנ פונ דער ארמיי“, איצט ראַבירנ זיי שוינ גאָר אָפנ, ניט איבערלאָזנדיק קיינ שומ דאָקומענטנ.

די פאַשיסטישע רויבער האָבנ געשלעפּט אלצ, וואָס נאָר עס האָט זיכ געמאַכט אונטער דער האַנט: ברויט, גרויפּנ, געוואַנט, פאַרטיקע קליידער, צירונג (אלצ — „פאַר די באַדערפענישנ פונ דער ארמיי“). בלויז אינ זעמונ האָבנ זיי פאַר איינ נאַכט אָנגעראַבעוועט געווענטענע אונ וואָלענע סכוירעס אפ 5 מיליאָנ דינאַר.

די ערשטע טעג פונ דעמ דייטשישנ באַלעבאַטעווענ אינ יוגאָסלאַוויע זיינענ באַצייכנט געוואָרנ מיט מאַסנ־צעשיסונגענ, מיט ארעסטנ, מיט צעראַבירנ מאַגאַזינענ אונ סקלאַדנ. דערנאָכ האָבנ די פאַרכאַפּער, ניט אָפּשטעלנדיק דעמ טעראָר, גענומענ ארויספּאָמפּענ פונ לאַנד אלע זיינע אוצרעס, פאַרורטיילנדיק די באַפעלקערונג אפ הונגער־טויט. אפ די וועגנ האָבנ זיכ באַוויזנ א סאַכ טאַבונעס פערד, טשערעדעס רינדער, שעפּסנ, ציגנ, כאַזיירימ, וואָס מע האָט אָפּ־

געגומען באַ די פֿויערים. די אָקופּאַנטן האָבן קאָנפֿיסקירט באַ דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג די גאַנצע טוווּע, וואָס זי האָט געהאַט.

עס איז נאָך ניט אַדורך קיין צוויי וואָכן, זינט דער פֿאַשיסטישער הייש־ריק איז באַפֿאַלן יוגאָסלאַוויע, און אין לאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן א הונגער. די קלייטן זיינען געבליבן פּוסט. עס איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן גרויפּן, צוקער, פּוטער. ברויט איז געוואָרן א זעלטנהייט. די 200 גראַם קוקורוזע־ברויט, וואָס מע קאָן אין מויל ניט נעמען, די 200 גראַם, וואָס יעדער איינער דאַרף באַקומען, קריגט מען אויך קוים מיט צאָרעס.

מענטשן גייען אוועק פֿון די שטעט אַף צענדליקער קילאָמעטער מיט דער האָפֿענונג צו קריגן ברויט באַ די פֿויערים, אָבער אויך די דאָרפֿישע באַפֿעל־קערונג, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פֿון די דייטשן, מוז הונגערן. דער הונגער ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ גרעסער. צום ערשטן מאָל נאָך דער אימפּעריאַ־ליסטישער מילכאָמע פֿון 1914—1918 זיינען די פֿעלדער געבליבן ניט פֿאַרזייט.

אַף די וועגן פֿונעם לאַנד קאָן מען טרעפֿן הונדערטער סערבישע מישפּאָ־כעס, וואָס די דייטשן האָבן זיי פֿאַריאָגט פֿון די איינגעזעסענע ערטער.

די אָרטיקע באַפֿעלקערונג האָט אויסצושטיין פֿון די דייטשן שווידערלעכע רעציכעס און איזדעקענישן. אין בעלגראַד און אין אַנדערע שטעט איז אויס־געהאַנגען געוואָרן א באַפֿעל פֿון דער מיליטער־מאַכט: „אַרומגיין נאָך 9 אַזייגער איז פֿאַרבאָטן“. יעדן איינעם, וואָס באַווייזט זיך אַף דער גאַס שפּעטער פֿון דער אָנגעוויזענער שאָ, צעשיסן די דייטשישע וואַך־לייט אָן א וואָרענונג. אַף אונדזערע אויגן האָט א קויל פֿון א דייטשישן פּאַטרול אָנגעיאָגט א יינגל, וואָס האָט ניט באַוויזן צו דערלויפֿן ביזן שטוב. יעדע נאַכט הערן זיך אַף די גאַסן פֿון בעלגראַד די דאָזיקע באַנדיטישע שאָסן.

די רעציכעס און די אומענטשלעכקייט פֿון די אָקופּאַנטן קאָן מען זען אַף יעדן טריט און שריט. אַף דער צענטראַלער גאַס פֿון בעלגראַד איז אונדז אויסגעקומען צו זען, ווי א דייטשישער מאָטאָציקליסט, וואָס האָט זיך גע־יאָגט ווי א משוגענער, האָט אומגעוואַלגערט פֿון די פֿיס דריי דורכגייער. איינער פֿון זיי איז אַפֿן אָרט געשטאָרבן, צוויי זיינען צעקאַליעטשעט געוואָרן. דער מאָטאָציקליסט האָט זיך אוועקגעיאָגט ווייטער, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר־נישט ניט געשען.

װענ די דײַטשנ האָבנ פאַרנומענ די יוגאָסלאַװישע שטעט, האָבנ זיי אײַנקוואַרטירט זייערע אָפיצערנ אינ פריוואַטע דירעס, דערבײַ האָבנ זיי פאַרפליכטעט די באַלעבאַטימ, זיי זאָלנ מיט אַלצ באַדינענ די פאַרהאַסטע מעסערױנגענ. לויט א ספעציעלער פאַראָרדענונג פונ די דײַטשישע מאַכט-אָרגאַנענ, האָט יעדער דײַטשישער אָפיצער דאָס רעכט גענומענ צו זיכ אפ וואַשנ די פאַדלאָגעס, וואַשנ גרעט אונ ביכלאַל צוליב „הויז-באַדינונג" יִידישע מיידלעכ. װוּ נאָר מע פאַקט א מיידל, האָט דער דענשטשיק דאָס רעכט צו פאַרהאַלטנ זי אונ אָפפירנ זי צו זײַנ אָפיצער.

אַנטקעגנ דעמ ווילקיר אונ דער העפקיירעס פונ די פאַשיסטישע „דראַבערער" איז דער שווידער פונ דער מיטלאַלטערלעכער אינקוויזיציע א קינדערשפּיל. אפ איבערמאָרגנ נאָכ דעמ, ווי מע האָט פאַרנומענ בעלגראַד, האָט די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט פאַרעפנטלעכט א מיטיילונג, אַז עס ווערנ אָרגאַניזירט שאַנד-הײַזער. אינ די דאָזיקע שאַנד-הײַזער האָט מענ צונויפגעטריבנ הונדערטער סערבישע מיידלעכ. די פאַרכאַפער האָבנ זיכ אַזוי צעיושעט, אַז אַפילע אינ בעלגראַד גופע כאַפנ זיי אײַנמיטנ העלנ טאָג סערבישע מיידלעכ, מע פירט זיי אַרויס אונטער דער שטאָט אונ מע פאַרגוואַלדיקט זיי פאַר די אויגנ פונ די פאַרבײַגייענדע. קעדײַ פאַרצושטעלנ זיכ, וואָס פאַר א מאַסשטאַב עס האָבנ אָנגענומענ אָט די אומגעהערטע איזדעקענישנ, איז גענוג צו זאָגנ, אַז צומ סאָפ פונעמ ערשטנ כוידעש, וואָס די דײַטשישע סאָלדאַטנ האָבנ זיכ געפונענ אינ בעלגראַד, זײַנענ אינ די לאַזאַרעטנ פונ דער שטאָט שוינ געווענ העכער 7.000 סערבישע מיידלעכ, וואָס זײַנענ אָנגעשטעקט געוואָרנ מיט וועגערישע קראַנקײַטנ.

די דײַטשישע פאַרכאַפער זײַנענ אַרומגערינגלט אינ יוגאָסלאַוויע מיט טיפנ האַס פונ דער באַפעלקערונג. ניט געקוקט אפנ ווילדנ טעראָר פונ די אָקופאַנטנ, זאַמלענ זיכ אינ די טיפע וועלדער אונ אינ די הויכע בערג סערבישע פאַרטיזאַנישע אָטריאַדנ. די דײַטשנ האָבנ געלאָזט וויסנ: יעדער פאַרטיזאַנ, וואָס מע וועט פאַקנ, וועט טייקעפ דערשאָסנ ווערנ. אָבער די סטראַשונקעס שרעקנ ניט אָפ די סערבישע פאַטריאָטנ. דאָ ניט לאַנג האָט פאַסירט אַזא פאַל: די אָקופאַנטנ האָבנ געפאַקט דרײַ פאַרטיזאַנענ. אַלס ענטפער דערויפ האָט דער פאַרטיזאַנישער אָטריאַד געפאַקט פינפ דײַטשישע סאָלדאַטנ אונ האָט געלאָזט וויסנ זייער אָפיצער, אַז אויב מע וועט צעשיסנ די פאַרטיזאַנענ,

וועלנ צעשאָסנ ווערנ די געפאנגענע סאָלדאטנ. די דײַטשנ זײַנענ געווענ געצוווּנגענ אויסצופילנ די פאָדערונג פונ די פארטיזאנענ.

די אָקופאנטנ פילנ זיכ אינ א פײַנטלעכער ארומרינגלונג. קיינ איינ דײַטשישער סאָלדאט ריזיקירט ניט ארויסצוגיינ הינטער דער שטאָט אָנ אווטאָמאטיש געווער.

דאָס יוגאָסלאווישע פאָלק אונ די אנדערע פעלקער פונ אייראָפע, וואָס די דײַטשישע פארכאפער האָבנ פארשקלאפט, לעבנ איצט איבער שווערע טעג. מיליאָנענ מענטשנ פארשילטנ די פאשיסטישע בארבארנ, וואָס האָבנ געבראכט אפ זייערע בלוטיקע שפיזנ דעמ רעזשימ פונ צעווילדעוועטנ טעראָר אונ פונ שווארצער קנעכטשאפט.

מ. פעטריטש

„קראסנאיא זוועזדא“, 26 יונ 1941 י.

דאָס פארשקלאפטע טשעכישע פאָלק

גאָר ניט לאנג האָבנ די פאשיסטנ מיט א גרויסנ ליארעמ פארצייכנט דעמ 2-טנ יאָרטאָג, זינט עס איז צעגלידערט געוואָרנ טשעכאָסלאָוואקיע אונ ס'איז געשאפנ געוואָרנ דער אזויגערופענער פראָטעקטאָראט טשעכיע אונ מאָראוויע. דער דײַטשישער פראָטעקטאָר דער פאשיסטישער אויסוווּרפ נייראט האָט געגעבנ א פאָמפעזע אינטערוויו די פרעסע-פאָרשטייער. די דײַטשישע צײַטונגענ האָבנ יובילירט איליוסטרירטע בײַלאגעס.

א גרופע פראָטעקטאָראט-באאמטע איז ארויסגעטראָטנ אינ א ספעציעלנ נומער פונ דער „קעלנישער צײַטונג“ מיט ארשינאָווע ארטיקלענ אונטער די קעפלעכ: „יאָרנ פונ דערפאָלגנ“, „די נײַע אייראָפע אונ די טשעכנ“, „דײַטשלאנד אונ דער פראָטעקטאָראט — אנ אלגעמיינערווירטשאפטלעכער רוימ“...

וואָס זשע קומט איצט פאָר אינדערעמעסנ אינעמ לאנד, וואָס די פאשיסטישע מעסער-יונגענ האָבנ עס מיט צוויי יאָר צוריק מיט געוואלט ארײַנגעשטופט אינעמ „ווירטשאפטלעכנ רוימ“ פונעמ היטלערישנ דײַטשלאנד?

אינ רעזולטאט פונ די צוויי יאָר היטלערישע הערשאפט איז די אומאָפהענגיקע טשעכאָסלאָוואקיע, א בליִענדיק לאנד אינ צענטער פונ אייראָפע מיט א גוט אנטוויקלטער אינדוסטריע, מיט א רײַכער לאנדווירטשאפט, געוואָרנ צע-

גלידערט, רוינירט, אונטערדריקט. זײַנ עקאָנאָמיק איז פארקריפּלט געוואָרנ, די באַפעלקערונג איז טעראָריזירט. דער ענגלישער זשורנאַל „עקאָנאָמיסט“ דעקט אופ אינ א סעריע ארטיקלענ די „דערגרייכונגענ“ פונ די פאשיסטישע רעגירער פונעמ פּראָטעקטאָראַט.

„עקאָנאָמיש, — שרײַבט ער, — איז דאָס לאַנד אויסגעקוועטשט, ווי א לימענע. דאָס גאָלד אונ די אויסלענדישע וואַליוטע האָט מענ ארויסגעפּאָמפּעט דאַנ נאָכ, ווענ מ'האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינ לאַנד. אפ די אויסלענדישע מערק, וואָס האָבנ ניט געוואָלט אָננעמענ קיינ דײַטשישע סכוירעס, האָט מענ געשיקט די פּראָדוקציע פונ טשעכאָסלאָוואַקישע פאַבריקנ, אָבער די אויסלענדישע קרעדיטנ זײַנענ קאָנפיסקירט געוואָרנ דורכ די דײַטשנ. די באַפעלקערונג פונ טשעכאָסלאָוואַקיע האָט אצינד קימאַט ניט וואָס צו קויפנ. די הויכ-קוואַליטאַטיווע סכוירעס, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט די טשעכאָסלאָוואַקישע אינדוסטריע, זײַנענ צעכאַפּט געוואָרנ פונ די דײַטשישע סאָלדאַטנ אונ פונ די פּריווילעגירטע פאַשיסטישע באַאַמטע.

בא 60 פּראָצענט פי האָט מענ אוועקגעטריבנ קיינ דײַטשלאַנד. די אויסאַרבעטונג פונ שפּײַז-פּראָדוקטנ האָט זיכ שטאַרק פאַרקלענערט. דער לעבנס-ניוואָ פאַלט אַלצ נידעריקער אונ נידעריקער. לעדערנע זוילנ ווערנ פאַרביטנ אפ הילצערנע. קיינ צײַג פאַר קליידער אונ אָנצוגנ איז ניטאָ. זייפ אונ פעטס איז שווער צו קריגנ. אפ די וועגנ איז ווי קימאַט ניט צו זענ קיינ אווטאָמאָביל...

300 טויזנט טשעכנ האָט מענ ארויסגעפירט קיינ דײַטשלאַנד אפ צוואַנגס-אַרבעט. אָנשטאָט זיי איז פּראָג באַגליקט געוואָרנ מיט 30 טויזנט אָנגעקומענע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטנ, וואָס דאַרפנ אָנפירנ מיט דער אינדוסטריע אונ מיטנ האַנדל. יענע טשעכנ, בענעגייע וועלכע מע געפינט, אז ס'איז ניט קיינ מוז זיי זאָלנ לעבנ אינ דער הויפּטשטאָט, זעצט מענ ארויס אינ דאָרפישע ראַיאָנענ. ביסלעכווײַז וועט קימאַט דאָס גאַנצע פאָלק ארויסגעזעצט ווערנ אינ די דערפער, וואָרעמ דײַטשלאַנד האָט בעדייע אויסצונוצנ דעמ פּראָטעקטאָראַט בלויז אַלס קוואַל אפ צו באַזאָרגנ זיכ מיט שפּײַז“.

די עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגענ פונ די אַרבעטנדיקע זײַנענ מיטנ אָנקומ פונ די דײַטשנ פאַרערגערט געוואָרנ. די פּרײַזנ אפ סכוירעס אונ פּראָדוקטנ האָבנ זיכ אויסגעגלײַכט מיט די פּרײַזנ אפ די דײַטשישע מערק, אָבער דער אַרבעטלוינ פונ די אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע שטייט שטאַרק אָפּ פונ

די טאַריפֿן אין די דײַטשישע אונטערנעמונגען, ווי נעבעכדיק די דאָזיקע טאַריפֿן זאָלן דאָרט ניט זײַן.

די גערטעניש, וואָס מע האָט אָראָפּגענומען פֿאַריקן האַרבסט, איז געווען זייער אַ שלעכטע. לויט די אָנגאַבן פֿון דעם זעלבן זשורנאַל „עקאָנאָמיסט“ האָט זי קוים באַטראָפֿן 45 פּראָצענט פֿון דער נאָרמאַלער גערטעניש, און די קוואַליטעט פֿון די ברויט-קולטורן איז געווען אַ ביז גאָר שלעכטע. זייער אַ קליינע גערטעניש האָבן געגעבן די גערטנער און סעדער, אָבער אויך דאָס ביסל פּרוכטן, וואָס איז אויפֿגעקליבן געוואָרן, איז דער שטאָט ניט אָנגעקומען, ווײַל צוליבן מאַנגל אין טראַנספּאָרט איז דאָס אוממעגלעך אַרויסצופֿירן.

די באַפֿעלקערונג פֿונעם פּראָטעקטאָראַט איז איבערגעפֿירט געוואָרן אויפֿן זעלבן הונגער-פּאַיאַק, וואָס די דײַטשן. און אין אַפּרעל דאָס יאָר זײַנען די נאָרמעס פֿון אַרויסגעבן פּראָדוקטן פֿאַרקלענערט געוואָרן אַפֿילו אין פֿאַרגלײַך מיט די דײַטשישע; מע האָט אָפּגענומען דעם צוגאָב-פּאַיאָק פֿאַר די אַרבעטער, וואָס טוען שווערע פֿיזישע אַרבעט.

פֿאַריקן ווינטער איז איבער דער שלעכטער דערנערונג געווען צו באַמערקן אַ וווּקס פֿון דער צאָל קראַנקײַט-פֿאַלן. עס זײַנען געווען טעג, ווען אין די גרויסע אונטערנעמונגען פֿון צאָפֿן-טשעכיע זײַנען אַרויס צו דער אַרבעט בלויז אַ העלפֿט באַשעפֿטיקטע אַרבעטער.

די פּאַשיסטן פּאָמפּען אַרויס פֿונעם טשעכישן דאָרף אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך. און די לאַגע מיט שפּײַז-פּראָדוקטן ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער און שווערער. קערנער-קולטורן האָט מען אין פֿאַריקן האַרבסט אָראָפּגענומען אַף 200 טויזנט טאָן ווייניקער, ווי דאָס איז נייטיק אַף אָנצוהאָלטן די באַפֿעלקערונג. לויטן באַפֿעל פֿונעם מיניסטעריום פֿאַר ערדאַרבעט איז די פּויערים פֿאַרבאָטן צו מאַכן פּוטער, די פּוטער-זאַוואָדן זײַנען פֿאַרמאַכט, די גאַנצע מילך דאַרף מען ליפֿערן די מילך-קלייטן. לויט אַ ספּעציעלן דעקרעט איז פֿאַראָרדנט געוואָרן, אַז די מילך דאַרף אַנטהאַלטן ניט מער פֿון 2,5 פּראָצענט פֿעטס, אין די קאַפֿע און רעסטאָראַנען איז דערלויבט צו דערלאַנגען נאָר אַזאַ מילך, פֿון וועלכער עס איז אָראָפּגענומען דאָס פֿעטס.

דער „עקאָנאָמיסט“ ווײַזט אָן, אַז פֿון יול ביז דעקאַבער פֿאַריקן יאָר האָבן די מאַכט-אָרגאַנען פֿונעם פּראָטעקטאָראַט אַרויסגעגעבן באַ 200 פֿאַרשיידענערליי דעקרעטן, וואָס רעגולירן אַזוי אָדער אַנדערש דאָס לעבן פֿון דער

באפעלקערונג פונעם פראָטעקטאָראט, דערונטער 80 רעקרוטן איבער פראגן פון שפּײַז=באזאָרגונג און פון ארבעט=באדינגונגען.

די פאקטן דעמאסקירן די ראַצבישע, רויבערישע פּאָליטיק פון די פאשיסטישע פארכאפּער, די פאקטן באווײַזן, אז די „אײַנשליסונג אינעם ווירטשאפטלעכן רוים“ באטײַט פארן טשעכישן פאָלק פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שקלאפערײַ, רעכטלאָזיקײַט, הונגער און דאלעס, — אָט דאָס איז דער אײנציקער אימפּאָרט, וואָס דער דײַטשישער פאשיזם ליפערט אין די דורך אים פארכאפּטע לענדער.

דער דײַטשישער פאשיזם שטיקט, דריקט און פארניכטעט די טשעכישע קולטור, ער סטארעט זיך דערשטיקן און רוינירן דאָס גײַסטיקע לעבן פונעם טשעכישן פאָלק. די פאשיסטן האָבן מוירע, אז, דערציענדיק דעם געפיל פון נאציאָנאלן זעלבסטבאוווסטזײַן, וועלן די קולטור=אנשטאלטן אונטערהאלטן באם פאָלק די שטרעבונג צו אומאָפּהענגיקײַט און דעם האס צום פאשיזם. דערפאר טאקע איז דערקלערט געוואָרן א קרײַץ=צוג קעגן אלע אנשטאלטן, קעגן די שולן, אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן, קעגן דער טשעכישער אינטעליגענץ. לויט די מיטײלונגען פון דער פרעסע איז די טשעכישע פראָפעסאָרן און סטודענטן פארווערט ארײַנצוגײן אין אלע עפנטלעכע ביבליאָטעקן. די פאשיסטישע וואנדאלן האָבן פארמאכט די פרעכטיקע בילדער=גאלערײ אין פראָג, ווו עס האָבן זיך געפונען רײַכע בילדער=קאָלעקציעס פון טשעכישע קינסטלער און אויך פון די פראנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן.

די „קעלנישע צײַטונג“ באשרײַבט מיט ציניקער אָפנהערציקײַט, וויאזוי דער דײַטשישער פאשיזם „דײַטשיזירט“ טשעכאָסלאָוואקיע. „דער דײַטשישער כאראקטער פון דער שטאָט פראָג,— שרײַבט זי,— לאָזט זיך פילן אלץ מער און מער. דער גאס=פּייזאזש ווערט באלעבט פון דײַטשישע סאָלדאטן, פון באאמטע און פון ארבעטער, וואָס זײַנען פארנומען בא צוואנגס=ארבעט. פריער איז פראָג געווען אן אָרט, ווו עס זײַנען פארשפּרײט געוואָרן עמיגראנטישע ליטעראַרישע ווערק. אצינד זײַנען זיי פארשוווּנדן און האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאר דײַטשישע ביכער און דײַטשישע בילדער. די שילדן פון די קלייטן, גאסן און פלעצער זײַנען אָנגעשריבן ניט נאָר אפ דער טשעכישער, נאָר אויך אפ דער דײַטשישער שפּראך. די טשעכן פירן זיך אויסערלעך אופ קאָרעקט“.

דער עמעס פאָדערט צוצוגעבן, אז דער גאס=פּייזאזש אין פראָג איז בא=

עבט ניט נאָר פונ דײַטשישע סאָלדאטנ, נאָר אויכ פונ אנטידײַטשישע אופּגריפטנ, פלאקאטנ אונ לאָזונגענ. אונ אז די „קאָרעקטקײַט“ פונ די טשעכנ איז בעעמעס טאקע בלויז אנ אויסערלעכע.

אינעם לײַדנשאפטלעכנ שטרעבנ צו דער נאציאָנאלער קולטור, צום טשעכישנ בוכ, צום טשעכישנ בילד, צו דער טשעכישער ליד לאָזט זיכ פילנ דער האס פונעם טשעכישנ פאָלק צו די פאשיסטישע באצווינגער.

דאָס טשעכישע פאָלק האָט ליב זײַנ קולטור, זײַנ קונסט, זײַנ ליטעראטור, זײַנ אייגענע ערד. די פאשיסטישע קליקע, וואָס הערשט אינ טשעכיע, איז אליינ געצווונגענ מוידע צו זײַנ, אז גראָד איצט האָבנ די טשעכישע טעאטערנ, ביכער אונ אויסשטעלונגענ א גוואלדיקנ דערפאָלג. אונ ניט די באמיונגענ צו „דײַטשיזירנ“ דאָס טשעכישע פאָלק אונ ניט דער ווילדער טעראָר, וואָס דערגייט ביז פיזישער אויסראָטונג, קאָנענ ניט איבערברעכנ דעם ווילנ פונעם פאָלק אונ זײַנ שטרעבונג צו נאציאָנאלער באפרײַונג. קיינמאָל וועט דאָס פארשקלאפטע טשעכישע פאָלק ניט מויכל זײַנ די דײַטשישע בלוטיקע הענקער פאר זײַנ ערד, וואָס איז באגאָסנ געוואָרנ מיט בלוט, פאר די אלע שוידערנ פונ דער אזויגערופענער „נײַער אָרדענונג“.

נ. סערגייעווא

אינהאלט

זײַט

טאדעוש קרושעווסקי — דער האס צו די דײַטשישע אָקופּאנטן האָט קיין ברעג ניט (א בריוו פון ווארשע) . . . 3
איליא ערענבורג — פּאריזש אונטערן שטיוול פון די פאשיסטן 8
י. א. — אין דער פאשיסטישער טורמע נום. 6 . . . 13
פּראָטים וועגן הונגער-דעמאָנסטראציעס פון פרויען אין בעלגיע (א בריוו פון קאָפּענהאגען) 18
יוליא באַרליצקאיא — די היטלערישע ראָצכים אין ווארשע 20
מ. פּעטריטש — די פאשיסטישע מערדערײַ אין יוגאָ-סלאוויע 23
נ. סערגײעווא — דאָס פארשקלאפטע טשעכישע פאָלק . 27

ПОД ИГОМ ФАШИСТСКИХ ЗАХВАТЧИКОВ
(На еврейском языке)

Редактор перевода Б. Гольденберг
Подписано к печати 18/VII-1941 г. А-40481. Тираж 7500 экз.
1 печ. лист. 1,6 уч.-изд. листа.
Заказ № 452. Цена 20 коп.

17-я Фабрика нац. книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкниги".
Москва, Шлюзовая наб., 10